Publié par
l’Association pour
l’Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 5 , נומער 2 (22)

כּיסלו תש״ס/דעצעמבער 1999

# יאָר 2000...

אַלע טאָג רוקט זיך צו אַ ביסל נעענטער דאָס יאָר 2000. נו, אַ קלייניקייט[1], אַ נײַער, אַ פֿרישער יאָרטויזנט[2]. אַ געשעעניש אויף דער וועלט. מיר ווילן ניט, חלילה[3], פֿאַרשטערן די שׂימחה[4], נאָר וואָס איז טאַקע דאָס יאָר 2000 פֿאַר ייִדן ? ווי אַלע ווייסן, זײַנען מיר שוין לויט דעם ייִדישן קאַלענדאַר אינעם יאָר 5760. אונדזער יאָר 2000 איז שוין לאַנג הינטער אונדז. לויט דער אַלגעמיינער צײַט־רעכענונג[5], איז דאָס אויסגעפֿאַלן אינעם יאָר 1760 פֿ״ק[6], ווען אַבֿרהם אָבֿינו[7] איז נאָך נישט געווען אין לאַנד כּנען[8] און די ייִדן זײַנען נאָך נישט געווען קיין ייִדן – האָבן זיי נישט געוווּסט אַז דאָס איז 2000 יאָר נאָך בראשית[9] און נישט געמאַכט קיין גרויסע פֿײַערונגען[10].

אויף וואָס וואַרטן מיר ? לויט אַ ייִדישער טראַדיציע וועט זײַן די גרויסע מסיבה[11] אין יאָר 6000, ווען עס וועלן זיך אָנהייבן משיחס צײַטן[12]. דעמאָלט וועלן מיר אַלע עסן, טרינקען און טאַנצן, און



ס'וועט זײַן שלום אויף דער גאַנצער וועלט. מע דאַרף בלויז וואַרטן נאָך 240 יאָר...

אַנדערע פֿעלקער האָבן אויך זייערע אייגענע קאַלענדאַרן. בײַ די כינעזער, יאַפּאַנער, אַראַבער, ווי בײַ אונדז, וואָלט יאָר 2000 נישט געדאַרפֿט מאַכן אַזאַ טאַראַראַם ! נאָר דאָ אין פֿראַנקרײַך, ווי אין דער גאַנצער מערבֿדיקער וועלט[13], וועט מען הוליען[14] געשמאַק. נו, אַ שׂימחה איז דאָך אַ שׂימחה – מעג מען הוליען גלײַך מיט אַלעמען ! טאָ הוליעט געזונטערהייט און מיר ווינטשן אײַך אַ גוט, אַ געזונט, אַ גליקלעך יאָר !

1. pas une mince affaire/no small thing ; 2. millénaire/millenium ; 3. KHOLILE Dieu nous en garde/God forbid ; 4. SIMKhE fête/party ; פֿאַרשטערן די שׂימחה jouer les trouble-fête/spoil the fun ; 5. ère commune/common era ; 6. פֿאַר קריסטוס av. J.C./B.C. ; 7. AVROM OVINU le patriarche Abraham/the Patriarch Abraham ; 8. KNAAN Canaan ; 9. BREYShIS Création ; 10. fêtes/celebrations ; 11. MESIBE fête, réception/feast, gathering ; 12. MESHIEKhS ... temps messianiques/Messianic times ; 13. MAYREVDIKER ... les pays occidentaux/the Western world ; 14. "s'éclater"/have a ball.

# אַ משונהדיק[1] יאָר

יאָר 2000 – אַ גוטע געלעגנהייט זיך צו שפּילן מיט אַן אַלטער ייִדישער טראַדיציע, וואָס מע רופֿט אָן גימטריא[2]. עס איז אַ מין „ווערטער/אותיות[3]־שפּיל“, וואָס מע געפֿינט אַ סך אין מדרש[4] און קבלה[5] (און אַפֿילו בײַ ד״ר פֿרויד, אויף אַן אַנדער אופֿן[6] !). אָט איז די מעשׂה : יעדער אות איז גלײַך אַ צאָל (א=1, ב=2, אאַ״וו...), און אַז מע ציילט צוזאַמען די אותיות פֿון אַ וואָרט אָדער אַ גאַנצן זאַץ, קען מען געפֿינען נײַע און אָריגינעלע אַסאָציאַציעס מיט אַנדערע ווערטער. עס זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע אופֿנים צו ציילן. דאָ ציילן מיר לויט אַ סיסטעם וואָס הייסט „מיספּר קטן[7]“, וואָס ניצט נאָר די צאָלן פֿון 1 ביז 9 (צום בײַשפּיל : י=10=1, כ=20=2, אַ נאָמען ווי „משה“=345=3+4+5=12=3. לאָמיר זען, וואָס עס קומט פֿון דעם אַרויס...

אַלע האָבן אַוודאי באַמערקט, אַז די גאַנצע וועלט רעדט וועגן יאָר 2000. וועט איר, לייענענדיק דעם טעם־טעם, אויך זײַן פֿאַרזאָרגט[8] מיט אַ קליין וואָרט וועגן דעם, פֿון אַ ייִדישלעכן קוקווינקל[9], פֿאַרשטייט זיך. וועגן „באָג[10] 2000“ און פֿײַערווערק וועט מען נישט שמועסן. אָנשטאָט דעם לייגן מיר פֿאָר, זיך צוצוקוקן צו אַ ווערטל פֿון ר' נחמן בראַסלאַווער[11], וואָס מע וועט שפּילעוודיק אַנאַליזירן. אָט אַזוי שטייט אין ספֿר : **„דו ביסט מחויבֿ[12] משונה[13] פֿריילעך[14] צו זײַן“**

וואָס איז דאָס שײַכות[15], וועט איר טענהן[16], צום יאָר 2000 ? נו, ציילט צוזאַמען די אותיות פֿונעם זאַץ – עס קומט אַרויס : 1091=1+9+0+1=11=2. וואָס איז „2“ ? יאָר 2000, פֿאַרשטייט זיך ! גוט, גוט, וועט איר ווײַטער טענהן, נאָר וואָס לערנט אונדז דאָס ? און

**(סוף זײַט 2)**

1.MESHUNEDIK étrange, bizarre/strange, queer ; 2. GIMATRIYE calcul des valeurs numériques des lettres dans un mot ou une phrase/computation of numerical values of letters ; 3. OYSYES *sing.* OS lettres/letters ; 4. MEDRESH Midrash textes d'exégèse biblique/works of biblical exegesis ; 5. KABOLE Cabale, un courant mystique du judaïsme/Cabala, a Jewish mystical philosophy ; 6. OYFN *pl.* OYFANIM façon/way ; 7. MISPER KOTN *lit.* petit nombre/small number ; 8. vous disposerez de/you will be provided with ; 9. point de vue/point of view ; 10. bogue/bug ; 11. REB NAKhMEN ... Rabbi Nahman de/of Bratslav ; 12. MEKhUYEV obligé/obliged ; 13. MEShUNE *un mot à double sens* : étrange *ou, ici* : doublement/*the word has two meanings*: strange *or, here*: doubly ; 14. פֿריילעך" פֿון „אַלטער אויסלייג : פֿריילעך“ ; 15. ShAYKhES rapport/connection ; 16. TAYNEN arguer, opposer/argue

**קינאָ**

# קדוש[1]

## דער נײַער פֿילם פֿון ישׂראלדיקן רעזשיסאָר עמוס גיטאי[2] האָט אויפֿגעוועקט אין פֿראַנקרײַך און אין אַנדערע לענדער שאַרפֿע דיסקוסיעס

„קדוש“ איז דער דריטער פֿילם אין דער טרילאָגיע נאָך „יום־יום[3]“ און „דבֿרים“[4]. ווי שוין אין די פֿריִערדיקע פֿילמען באַשעפֿטיקט זיך גיטאי אויך אינעם נײַסטן מיט דער פּראָבלעמאַטיק פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט. די אַנדערע צוויי שפּילן זיך אָפּ אין חיפֿה[5] און תּל־אַבֿיבֿ[6]. דאָס מאָל קומט פֿאָר די מעשׂה אין דער „הייליקער שטאָט“, ירושלים, און פּרוּווט אונדז צו ווײַזן פֿון אינעווייניק די אָרטאָדאָקסישע קהילה[7] פֿון מאה־שערים[8]. דער תּמצית[9] פֿונעם פֿילם איז צו ווײַזן ווי אַזוי די שטרענג רעליגיעזע כּללים[10] באַגרענעצן אין גאַנצן די פֿרײַע אַנטוויקלונג פֿונעם אינדיווידועלן מענטשן. דאָס ווערט געוויזן דורך צוויי בײַשפּילן – די פּערזענלעכע גורלות[11] פֿון צוויי שוועסטער – דער עלטערער מלכּה און דער ייִנגערער לאה. ביידע שטעלן מיט זיך פֿאָר צוויי עקסטרעמע טיפּן וואָס די אָרטאָדאָקסישע קהילה קען אַרויסברענגען פֿון זיך : מלכּה איז די פֿרומע, כּשרע ייִדישע טאָכטער און לאה ווערט אַן אַפּיקורסטע[12].



**פֿאָטאָ : ל. פֿריד**

כאָטש זיי זײַנען אַזוי פֿאַרשידן, זײַנען זיי ביידע קרבנות[13] פֿון זייער אייגענער קהילה. מלכּה ווערט געצוווּנגען אָנצונעמען אַ גט[14] פֿון איר מאַן, וואָס זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב, ווײַל צען יאָר נאָך דער חתונה האָט זי נאָך נישט קיין קינדער. לאהן צווינגט מען חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן וואָס זי האָט פֿײַנט. יעדע מעשׂה פֿאַר זיך גענומען איז פֿול מיט פּסיכאָלאָגישע רײַסענישן[15], וואָס וואָלטן געווען אַ רײַכער און אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל פֿאַר אַ פֿילם. נאָר אַ שאָד, וואָס גיטאיען איז נישט געלונגען צו מאַכן אַזאַ פֿילם. ער שפּילט זיך מיט צו לאַנגע סצענעס און די שפּיל פֿון די אַקטיאָרן, ווי אויך די דיאַלאָגן, זײַנען נישט איבערצײַגנדיק[16]. אַן אמתער הויכפּונקט פֿעלט, צום באַדויערן, כאָטש דער סאַמע סוף (מלכּה שטאַרבט און לאה פֿאַרלאָזט די קהילה) איז יאָ שטאַרק.

סך־הכּל[17] קען מען זאָגן אַז ס'איז אַ שלעכט געמאַכטער פֿילם (כאָטש די מעשׂה, אין תּוך גענומען[18], איז נישט שלעכט !). דערצו מוז מען אויך וואָרענען[19] די פֿראַנצייזישע צוקוקערס אַז די אונטערטיטלען טויגן אויף כּפּרות[20]. ערשטנס זײַנען זיי נישט גענוי און צווייטנס פֿעלן אויס גאַנצע שטיקלעך. אָבער דאָס איז שוין אַ קריטיק וואָס האָט נישט צו טאָן מיטן רעזשיסאָר...

1. KADOsh saint, martyr/holy, martyr ; *prononciation en hébreu moderne/modern Hebrew pronunciation* (*prononciation ashkenaze/Ashkenazi pronunciation*: KODESh) ; 2. AMOS GITAI ; 3. YOM YOM ; 4. DEVARIM ; 5. KhAYFE ; 6. TEL-AVIV ; 7. KEHILE communauté/community ; 8. MEYE-ShEORIM Mea-Shearim ; 9. TAMTSES fond, essence/gist, essence ; 10. KLOLIM (*sing.* KLAL) règles, normes/rules, norms ; 11. GOYROLES (*sing.* GOYRL) destins/destinies ; 12. APIKOYRESTE mécréante/non-believer ; 13. KORBONES victimes/victims ; 14. GET divorce ; 15. קאָנפֿליקטן ; 16. convaincant/convincing ; 17. SEKhAKL en somme/all told ; 18. ... TOKh ... au fond/basically ; 19. prévenir/warn ; 20. ... KAPORES ne valent rien/are worthless.



# פֿאַר אָנהייבערס

## שפּריכווערטער[1] וואָס איר קענט איבערלייענען[2], איבערטראַכטן[3] און איבערחזרן[4] אינעם נײַעם יאָר :

– אַז מען קען ניט ווי מען וויל מוז מען וועלן ווי מען קען.

– אַז איך וועל זײַן ווי ער, ווער וועט זײַן ווי איך ?

– האָב ניט קיין מורא[5] ווען דו האָסט ניט קיין אַנדער ברירה[6].

1. proverbes/proverbs ; 2. lire/read ; 3. réfléchir/think over ; 4. IBERKhAZERN répéter/repeat ; 5. ... MOYRE n'aie pas peur/don't be afraid ; 6. BREYRE choix/choice.

**(סוף פֿון זײַט 1)**

וואָס הייסט „משונה“ פֿריילעך, פֿאַר וואָס ניט פּשוט פֿריילעך ? ליבע לײַט, דאָס איז דאָך דער עיקר פֿון דער מעשׂה. טאַקע „משונה“, דאָס איז מען אויסן[17]. לאָמיר דערקלערן : ווי איר ווייסט, איז הײַיאָר[18] בײַ ייִדן דאָס יאָר 5760. ציילט צוזאַמען (0+6+7+5), און וואָס געפֿינט איר ? 18, וואָס שרײַבט זיך „חי“, און וואָס מיינט „לעבעדיק[19]“. איז עס אַ לעבעדיק יאָר, דאַרף מען זיך אַוודאי פֿרייען אַ גאַנץ יאָר, נישט נאָר דעם 31סטן דעצעמבער, ערבֿ[20] 2000.

נו, וואַרפֿט נאָך ניט אַוועק די רעכן־מאַשין, עס קומט נאָך עפּעס צו : ציילט צוזאַמען „ערבֿ 2000+משונה“, און וואָס קומט אַרויס ? 9 ! איצט, טיילט 18 אויף 2 : אויך 9. ציילט צוזאַמען „שבת“... נאָך אַ מאָל 9 ! און אויב מע זאָגט אײַך, אַז ערבֿ יאָר 2000 פֿאַלט אויס ערבֿ שבת, וועט איר אַוודאי אויסרופֿן : משונה !

איצטער, וואָס איז די סיבה[21] פֿון דער גאַנצער מעשׂה ? כּדי צו זײַן משונה פֿריילעך דאַרף מען זיך לערנען – ווי עס שטייט אין ירושלמי[22] :

„ווען קינדער לערנען, איז גלײַך ווי זיי האָבן געהערט די תּורה פֿון באַרג סיני[23]“ ...

טאָ לערנט זיך גוט ייִדיש אַ גאַנץ יאָר מיט שׂשׂון ושׂימחה[24] !

17. דאָס מיינט מען ; 18. cette année/this year ; 19. אויב איר ווילט וויסן מער וועגן „חי“ זעט זײַט 3 ; 20. EREV la veille/eve ; 21. SIBE raison/reason ; 22. YERUShALMI Talmud de Jérusalem/Jerusalem Talmud ; 23. SINAI ; 24. SOSN VESIMKhE : אויף אַ פֿריילעכן אופֿן.

# ירושלים דליטא[1]

**דעם 18טן נאָוועמבער 1999 האָט זיך אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז געעפֿנט אַן אויסשטעלונג „טויזנט שמאָלע טירן צו דער וועלט. אַ בליק אויף דער ייִדישער קולטור אין ווילנע“.**



בילד : הערמאַן שטרוק

די אויסשטעלונג באַשטייט פֿון זיבן רײַך אילוסטרירטע טאָוולען און צוויי וויטרינעס מיט ביכער, צײַטשריפֿטן און דאָקומענטן. די טאָוולען באַהאַנדלען פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון ייִדישן לעבן אין ווילנע : די זעקס־הונדערט־יעריקע געשיכטע פֿון ייִדישן ייִשובֿ[2] אין דער שטאָט, די ייִדישע אינסטיטוציעס, שולן, די ליטעראַרישע גרופּע „יונג ווילנע“, ווילנער געטאָ און דאָס וואָס בלײַבט הײַנט פֿון דער ייִדישער ווילנע.

נאָך דעם ווי מע האָט געזען די אויסשטעלונג פֿאַרשטייט מען, פֿאַר וואָס מע האָט ווילנע געגעבן דעם נאָמען „ירושלים דליטא“ – די שטאָט האָט ניט בלויז געהאַט אַ גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג (64 000 ייִדן קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אויף 250 000 אײַנוווינערס), אָבער האָט אויך געשמט[3] מיט איר הויכער רעליגיעזער, און שפּעטער אויך וועלטלעכער[4] ייִדישער קולטור. אַלע האָבן אַוודאי געהערט וועגן דעם ווילנער גאָון[5] (אליהו בן שלמה־זלמן[6], 1720-1797) וואָס איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם[7], געלערנט אין תּורה, גמרא[8] און אַפֿילו אין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און וואָס איז געווען די הויפּטפֿיגור פֿון די מתנגדים[9] (די קעגנער פֿון די חסידים[10]). ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ווילנע געבליבן איינער פֿון די גרויסע צענטערס פֿון די רעליגיעזע ייִדישע שטודיעס, מיט אַ גאַנצער נעץ פֿון חדרים[11] און ישיבֿות[12] און מיט דער באַוווּסטער ראָם־דרוקערײַ (וואָס האָט, אַגבֿ[13], אויך געדרוקט וועלטלעכע ביכער), געגרינדעט אין יאָר 1799, ווו מע האָט צווישן 1835 און 1854 געדרוקט אַ באַרימטע עדיציע פֿון תּלמוד־בבֿלי[14].

די וועלטלעכע ייִדישע קולטור האָט זיך אין ווילנע צעבליט[15] דער עיקר צווישןביידע וועלט־מלחמות. דעמאָלט זענען אַנטשטאַנען[16] אַ ריי קולטורעלע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס. מע דאַרף דאָ דערמאָנען דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ), געגרינדעט אין יאָר 1925 אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם גרויסן ייִדיש־פֿאָרשער מאַקס ווײַנרײַך. דער אינסטיטוט האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט זאַמלען דאָקומענטאַציע און פּובליקירן אַרבעטן אין פֿאַרשיידענע תּחומים[17], ווי ייִדישע געשיכטע, שפּראַך, ליטעראַטור, בילדונג און סטאַטיסטיק. אין די ראַמען פֿון ייִוואָ האָט מען אויך געשאַפֿן די סטאַנדאַרד־אָרטאָגראַפֿיע פֿון ייִדיש.

ווילנע האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע פֿאַרלאַגן (ווי דער באַוווּסטער פֿאַרלאַג ב. קלעצקין), ביבליאָטעקן (ווי די סטראַשון־ביבליאָטעק), אַ באַרימטע טעאַטער־טרופּע און אַ רײַכע פּרעסע מיט פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן (אַפֿילו אַ קינדער־זשורנאַל, *די גרינינקע ביימעלעך*). אין ווילנע האָט זיך אויך געשאַפֿן אַ נעץ פֿון ייִדישע און העברעיִשע שולן, גרופּירט לויט פּאָליטישע אָריענטאַציעס. כּדי אויסצובילדן לערערס האָט מען געגרינדעט דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר, ווו איינער פֿון די פּראָפֿעסאָרן איז געווען דער גרויסער פּאָעט און פּראָזאַיִקער משה קולבאַק.

מע דאַרף אויך דערמאָנען די גרופּע „יונג ווילנע“, געשאַפֿן אין 1929, פֿון יונגע שרײַבער (ווי אַבֿרהם סוצקעווער, חיים גראַדע צי אלחנן[18] וואָגלער, וואָס זײַן אַרכיוו געפֿינט זיך אין דער מעדעם־ביבליאָטעק) און קינסטלער (ווי רפֿאל[19] כוואָלעס צי בען, וואָס האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין פּאַריז).




אַ פלאַקאַט פֿון ווילנער געטאָ

דאָס קולטורעלע לעבן האָט זיך ניט איבערגעריסן אַפֿילו אין דער שווערער צײַט פֿון ווילנער געטאָ (6טער סעפּטעמבער 1941 – 23סטער סעפּטעמבער 1943), ווו מע האָט אָרגאַניזירט קאָנצערטן, פֿאָרשטעלונגען און אַ יוגנט־קלוב. אין געטאָ האָט זיך אויך געשאַפֿן אַ ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, די פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע (פֿ.פּ.אָ.).

נאָך דעם חורבן[20] און נאָך צענדליקער יאָרן פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים בלײַבן הײַנט אין ווילנע בלויז די רעשטן פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן, מיט אַ קליינער קהילה[21] פֿון אַן ערך[22] פֿיר טויזנט ייִדן.

אַרום דער אויסשטעלונג האָט מען אָרגאַניזירט אַ ריי אַקטיוויטעטן – רעפֿעראַטן, פֿילמען־פּראָיעקציעס, אַ רעציטאַציע־אָוונט און אַ סעמינאַר וועגן דעם לעבן אין ווילנע פֿאַר און בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנגעפֿירט פֿונעם אַמעריקאַנער פּראָפֿעסאָר שלום בײַנפֿעלד.

די אויסשטעלונג קען מען נאָך באַקוקן ביז סוף דעצעמבער.

1. YERUSHOLAIM DELITE Jérusalem de Lituanie/Jerusalem of Lithuania ; 2. YISHEV population ; 3. GESHEMT fut célèbre/was famous for ; 4. laïc/secular ; 5. ... GOEN le Gaon de Vilna/The Vilna Gaon ; 6. ELYE BEN SHLOYME ZALMEN ; 7. TALMED-KHOKHEM érudit talmudique/Talmudic scholar ; 8. GEMORE Talmud ; 9. MISNAGDIM ; 10. KHSIDIM Hassidim ; 11. KHADORIM, *sing.* KHEYDER écoles religieuses ; 12. YESHIVES academies religieuses ; 13. AGEV par ailleurs/by the way ; 14. TALMUD BAVLI le Talmud Babylonien/Babylonian Talmud ; 15. épanoui/blossomed ; 16. apparus/appeared ; 17. TKHUMIM domaines/fields ; 18. ELKHONEN ; 19. REFOEL ; 20. KHURBN Shoah ; 21. KEHILE communauté/community ; 22. ... EREKH à peu près/about.

# אַבֿרהם סוצקעווער

## דער ייִדישער פּאָעט...

**אַבֿרהם סוצקעווער איז איינער פֿון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין 20סטן יאָרהונדערט. ווי אַ ייִדישער פּאָעט איז ער צווישן די פֿײַנסטע וואָרטקינסטלער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, און זײַנע לידער רעכענען זיך צווישן די סאַמע שענסטע פּערל פֿון דער וועלטדיכטונג[1]. ווי אַ פּאַרטיזאַנער איז ער געווען, אין ווילנער געטאָ און שפּעטער בײַ די קעמפֿער אין וואַלד, אַ העלד פֿונעם געראַנגל[2] קעגן די דײַטשן.**

אַבֿרהם סוצקעווער איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן יולי 1913 אין סמאָרגאָן (ווײַסרוסלאַנד), אין אַ משפּחה פֿון רבנים. די משפּחה איז אַנטלאָפֿן קיין סיביר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָרטן האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט העברעיִשע לידער סקאַנדירט פֿון אַ פּלעניק[3], אַן עסטרײַכישן אָפֿיציר וואָס איז אויך געווען אַ ייִדישער פּאָעט. אין 1920 איז דער טאַטע געשטאָרבן און די משפּחה איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ווילנע.

סוצקעווער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1927, צו ערשט אויף העברעיִש, שפּעטער אויף ייִדיש ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די פּאָעטן פֿון דער גרופּע „יונג ווילנע". זײַן ערשטע פּובליקאַציע איז געווען אַ ליד, *אַ מאַסקנבאַל* (1933), און זײַן ערשט בוך – *לידער* – איז אַרויס אין וואַרשע אין 1937.

אין דער מלחמה־צײַט איז סוצקעווער געווען אין ווילנער געטאָ כּמעט ביז דער ליקווידאַציע. דאָרטן איז ער געווען אַקטיוו אויף פֿאַרשיידענע געביטן : ער האָט אַ סך געשריבן (ווי למשל די לידער *כּל נדרי*[4], וואָס דערציילט די ליקווידאַציע פֿון דער קליינער געטאָ און *דאָס קבֿר*[5]*־קינד*, וועגן אַ קינד וואָס ווערט געבוירן צווישן די קבֿרים), אָנגעפֿירט מיט אַ ליטעראַרישן קרײַז און אַרײַנגעשמוגלט געווער פֿאַר דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע (פֿ.פּ.אָ.). אין יאַנואַר 1942 האָבן די נאַציס אָנגעהויבן אַריבערצופֿירן די ייִדישע קונסט־אוצרות[6] קיין דײַטשלאַנד. סוצקעווערן האָט מען באַשטימט אויף דער דאָזיקער אַרבעט. מיט די אַנדערע צוואַנג־אַרבעטער[7] האָט ער אָבער אויסגעניצט די געלעגנהייט אויף צו ראַטעווען די וויכטיקסטע אָביעקטן און זיי באַהאַלטן אין געטאָ. אַזוי אַרום האָבן זיך אויפֿגעהיט אַ סך כּתבֿ־ידן[8] (פֿון שלום־עליכם, ביכער פֿון 15טן און 16טן יאָרהונדערט), בריוו פֿון באַוווּסטע שרײַבער (טאָלסטאָי, גאָרקי, ביאַליק), בילדער און צייכענונגען (שאַגאַל).

ערבֿ[9] דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ אין סעפּטעמבער 1943 איז ער אַנטלאָפֿן מיט זײַן ווײַב און זײַן פֿרײַנד שמערקע קאַטשערגינסקי אין וואַלד צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פֿון דער גרופּע „נקמה[10]". אין מאַרץ 1944 איז ער אַריבער קיין מאָסקווע, ווו ער האָט זיך געטראָפֿן מיט רוסישע און ייִדישע שרײַבערס : באָריס פּאַסטערנאַק, פּרץ מאַרקיש, איליאַ ערענבורג. ער האָט גערעדט אויף דער ראַדיאָ און דערציילט די נאַצישע רציחות[11] וואָס ער האָט געזען אין געטאָ.

אין 1946 איז ער געווען אַן עדות[12] אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס. אין 1947 האָט ער זיך באַזעצט אין ישׂראל, ווו ער וווינט ביז הײַנט צו טאָג. פֿון 1949 ביז 1996 האָט ער רעדאַגירט די וויכטיקסטע ייִדישע ליטעראַרישע צײַטשריפֿט פֿון נאָך דער מלחמה, *די גאָלדענע קייט*. אין זײַן ווערק ציִען זיך אַדורך כאַראַקטעריסטישע מאָטיוון : די קינדהייט אין סיביר (פּאָעמע *סיביר*), די מלחמה־צײַט (לידערביכער *די פֿעסטונג*, *לידער פֿון געטאָ*, *די געהיימשטאָט*, דערציילונגען *גרינער אַקוואַריום* און זכרונות[13] *ווילנער געטאָ*) און ארץ־ישׂראל (*גײַסטיקע ערד*, *אין פֿײַער־וואָגן*, *אָדע צו דער טויב*, *אין מדבר סיני*). צו זײַנע 50 יאָר זענען דערשינען צוויי בענד פֿון זײַנע *פּאָעטישע ווערק*, אַן אויסקלײַב פֿון זײַן ביזדעמאָלטיקער שאַפֿונג. אַ סך פֿון סוצקעווערס ווערק זענען איבערגעזעצט אויף העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן.

1. poésie mondiale/world poetry ; 2. lutte/struggle ; 3. prisonnier de guerre/war prisoner ; 4. KOL NIDRE prière recitée la veille de Yom Kippour/prayer recited on Yom Kippur eve ; 5. KEYVER *pl.* KVORIM tombeau/tombe ; 6. ...-OYTSRES trésors artistiques/art treasures ; 7. travailleurs forcés/forced labourers ; 8. KSAVYADN manuscrits/manuscripts ; 9. EREV la veille/eve ; 10. NEKOME vengeance/revenge ; 11. RETSIKHES actes de cruauté/acts of cruelty ; 12. EYDES témoin/witness ; 13. ZIKHROYNES mémoires/memoirs.

### *מײַן חבֿר דער בוטשאַן[1]*

*אַ מאָל האָט ער געוווינט אויף אַ בעריאָזע[2],*
*אַנטקעגן מיר – אַ זומערדיקן זמן[3] :*
*און סוכּות־צײַט, מיט פֿיס געשלאַנקטע, ראָזע,*
*ווי קניִענדיק אין לופֿט, איז דער בוטשאַן*
*געפֿלויגן קיין בית־לחם[4], איבער ימען,*
*אין אייגענעם, באַגלייבטן[5] עראָפּלאַן.*
*און מיטגעשנאָבלט[6] מײַנע שענסטע גראַמען –*
*מײַן חבֿר דער בוטשאַן.*

*געוויס האָט ער געקויפֿט זיך עולם־הבא[7]*
*פֿאַר מיטנעמען מײַן בענקשאַפֿט. נאָר אַצינד –*
*אין שנאָבל – רעגן־בויגנדיקע זשאַבע[8],*
*ער פֿליט צוריק ווּ איך געווען בין קינד,*
*פֿון אייגן מירמלפֿלייש[9] געבויט פּאַלאַצן.*
*געפֿינען וועט ער אַנשטאָט זיי – טומאַן[10].*
*כ'האָב מורא, אַז דאָס האַרץ זאָל אים ניט פּלאַצן,*
*מײַן חבֿר דעם בוטשאַן.*

1. בושל *סינאָנים פֿון* cigogne/stork ; 2. בערעזע *סינאָנים פֿון* bouleau/birch tree ; 3. ... ZMAN די צײַט פֿון אַ זומער ; 4. BEYS-LEKhEM Bethlehem ; 5. fiable, digne de confiance/reliable, trusty ; 6. *צווײפֿגעשטעלט* *וואָרט* : מיטגענומען אין זײַן שנאָבל ; 7. ... OYLEM HABE a fait une action méritante (pour gagner le paradis)/did a good deed (to earn paradise) ; 8. grenouille aux couleurs chatoyantes/rainbow-colored frog ; 9. *וואָרט צווײפֿגעשטעלט פֿון* מירמלשטיין *און* אייגן פֿלייש ; 10. brume,brouillard/mist,fog.

# און פֿאַרטיזאַנער...

די ווידערשטאַנד־קעמפֿערס[1] אין ווילנער געטאָ האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו נעמען די בלײַענע פּלאַטן[2] פֿון דער באַרימטער ראָם דרוקערײַ[3] און זיי שמעלצן[4] אויף קוילן.

## די בלײַענע פּלאַטן
## פֿון ראָמס דרוקערײַ

*מיר האָבן ווי פֿינגער געשטרעקטע דורך גראַטן[5]*
*צו פֿאַנגען די ליכטיקע לופֿט פֿון דער פֿרײַ –*
*דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,*
*די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ.*
*מיר, טרוימער, באַדאַרפֿן איצט ווערן סאָלדאַטן*
*און שמעלצן אויף קוילן דעם גײַסט פֿונעם בלײַ.*

*און מיר האָבן ווידער געעפֿנט דעם שטעמפּל[6]*
*צו עפּעס אַ היימישער אייביקער הייל[7].*
*מיט שאָטנס באַפּאַנצערט[8], בײַם שײַן פֿון אַ לעמפּל –*
*געגאָסן די אותיות – אַ צייל[9] נאָך אַ צייל,*
*אַזוי ווי די זיידעס אַ מאָל אינעם טעמפּל*
*אין גילדענע יום־טובֿ־מנורות[10] דעם אייל.*

*דאָס בלײַ האָט געלויכטן בײַם אויסגיסן קוילן,*
*מחשבֿות[11]– צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.*
*אַ שורה פֿון בבֿל[12], אַ שורה פֿון פּוילן[13],*
*געזאָטן, געפּלייצט אין דער זעלביקער מאָס[14].*
*די ייִדישע גבֿורה[15], אין ווערטער פֿאַרהוילן[16],*
*מוז אויפֿרײַסן[17] איצטער די וועלט מיט אַ שאָס !*

*און ווער ס'האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין[18]*
*פֿאַרקלאַמערט אין העלדישע ייִדישע הענט –*
*געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,*
*דאָס פֿאַלן פֿון יענע גראַניטענע ווענט ;*
*פֿאַרנומען[19] די ווערטער, פֿאַרשמאָלצן אין בלײַען,*
*און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.*

ווילנער געטאָ, 12טן סעפּטעמבער 1943

1. combattants de la résistance/resistance fighters ; 2. plaques de plomb/lead plates ; 3. la Maison Romm, célèbre imprimerie de Vilnius fondée en 1799/Romm Press, famous Vilnius printing house founded in 1799 ; 4. fondre/smelt ; 5.barreaux/bars ; 6. *ici* sceau/seal ; 7. grotte/cave ; 8. blindé/armored, shielded ; 9. rangée/row, line ; 10. YONTEV-MENOYRES Menoras ; 11. MAKhSHOVES געדאַנקען ; 12. BOVL Babylone/Babylon ; 13. allusion aux différentes sortes de livres imprimés par Romm, du Talmud babylonien aux livres modernes en yiddish et hébreu/reference to the variety of books printed by Romm Press, from the Babylonian Talmud to modern works in Yiddish and Hebrew ; 14. *ici* moule/ mold ; 15. GVURE héroïsme/strength, heroism ; 16. caché, tapi/concealed ; 17. exploser/blow up ; 18. KLEZAYEN armes/weapons ; 19. *double sens* entendu, réquisitionné/*double meaning* heard/requisitioned.



בילד : בענציע מיכטאָם

## דערקענטעניש[1]

### א

*„זאָג, וווּ ענדיקט זיך די וועלט, אָ, טאַטע ?! “*
*פֿילאָזאָפֿיש מאָן איך אַ באַשייד[2].*
*קומט אַן ענטפֿער : „הינטער יענער כאַטע[3]*
*אויפֿן באַרגשפּיץ, וווּ די זון פֿאַרגייט“.*
*אמת טאַקע ? אויב אַזוי, – ניט קלערן,*
*אָניאָגן די שקיעה[4] ! און איך לויף*
*אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פֿון טרערן,*
*וווּ די וועלט זיך ענדיקט, באַרג אַרויף.*
*בײַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען,*
*ס'זאָל ניט זײַן מײַן בענקעניש אומזיסט.*
*אַלע יאָרן ביז מיר, יאָר־מיליאָנען,*
*צאַפּלען פֿון די שנייען : זײַ באַגריסט.*

### ב

*הינטער מיר – אַ פּינטעלע אַ טאַטע.*
*ס'האַרץ, דער זון אַנטקעגן, אין גאַלאָפּ.*
*שוין, דערלאָפֿן אויבן צו דער כאַטע !*
*נאָר די שפּאַנונג מאַניעט[5], לאָזט ניט אָפּ.*
*מײַנע ליפּן ציִען זיך צום שײַטער[6],*
*וואָס באַשײַנט דעם וואָיענדיקן דנאָ[7].*
*טאַטינקע ! עס ציט די וועלט זיך ווײַטער,*
*און קיין סוף – ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.*
*טאַטע הערט ניט. שטערן פֿאַלן גרינע.*
*טאַטע זעט ניט, אַז פֿון העלער הויט[8]*
*ווער איך פֿון אַ ייִנגל - אַ לאַווינע[9],*
*וועמען ליכט און ווונדער האָט געבויט.*

פֿון דער פּאָעמע סיביר

1. reconnaissance, révélation/recognition, discovery ; 2. solution ; 3. hutte/hut ; 4. SHKIE זונפֿאַרגאַנג ; 5. attire/lures, beckons ; 6. bûcher (ici : métaphore du soleil)/pyre (here: metaphor for the sun) ; 7. fond hurlant/howling depths ; 8. *אויסדרוק* : פּלוצלינג ; 9. avalanche.

# „ווּ פֿרייט איר זיך ?“

פֿון **שמעון נויבערג**

**שמעון נויבערג (אוניווערסיטעט פֿון טריר) שיקט אונדז ווידער אַן אַרטיקל מיט אַ פֿילאָלאָגישן קוקווינקל אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס מאָל גייט עס וועגן די לינגוויסטישע פֿענאָמענען וואָס מע רופֿט אָן „טאַבו“ און „אייפֿעמיזמען“ : ווען מע שעמט זיך אָדער מע שרעקט זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט (וואָס האָט צו טון מיט טויט אָדער טרויער, צום בײַשפּיל), ניצט מען אויף זײַן אָרט אַן אַנדער וואָרט, עס זאָל אים פֿאַרטרעטן. ווי אַן אילוסטראַציע ציטירט דער אויטאָר אַ ליד פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.**



געלייענט מיט אַ פּאָר חבֿרים מאַקס ווײַנרײַכס דערקלערונגען וועגן טאַבו אין דער שפּראַך בכלל און אין דער ייִדישער שפּראַך בפֿרט[1]. דאָרטן געפֿינט מען בײַשפּילן פֿון אייפֿעמיזמען – צ״ב צווישן אַ סך אַנדערע : „ער איז (שטאַרק ניט־געזונט...“ און ווײַנרײַך גיט צו דעם ווײַטערדיקן קאָמענטאַר :

„ווי ווײַט איז דאָס פֿון דער באַגריפֿן־וועלט[2] פֿונעם פּרימיטיוון יעגער וואָס שײַט זיך[3] צו ניצן דאָס רעגולערע וואָרט פֿאַר אַ ’בער‘ און קלײַבט אויס אַנשטאָט דעם ’האָניק־עסער‘ ?“

דער מחבר איז דאָ מרמז[4] אויף די־אָ פּרימיטיווע יעגערס וואָס זענען דאָך אויף זיכער די אָבֿות־אַבֿותים[5] פֿון אַלע סלאַוון, והאָ־ראַיה[6] : די סלאַווישע לשונות נוצן נישט דאָס אַלטע אינדאָ־אייראָפּעיִשע וואָרט פֿאַר בער, נאָר אַן אייפֿעמיזם וואָס עטימאָלאָגיש מיינט ער „האָניק־עסער“... מיר האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז גוט באַקאַנט, אַז דאָס איז אַ בײַשפּיל וואָס מע נוצט כּסדר ווו סע רעדט זיך נאָר וועגן טאַבו... דער אַנדערער אָפּט־דערמאָנטער בײַשפּיל איז דאָס פֿראַנצייזישע „בעלעט“ (אַ וויזל[7]) וואָס מיינט אַ „שיינדל“. האָב איך אָבער באַמערקט, אַז הײַנט צו טאָג זענען די־אָ בײַשפּילן נישט אַלעמען באַקאַנט.

איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זיי שוין קינדווײַז. אַ מאָל האָב איך געקראָגן אַזאַ שיין בוך אויף פֿראַנצייזיש וועגן שפּראַכן, וועגן צווישנמענטשישער קאָמוניקאַציע בכלל, וואָס האָט געהייסן *פֿון טאַם־טאַם ביז טעלסטאַר*.

כּדי צו פֿאַרשטיין דעם טיטל, דאַרף מען געדענקען אַז דעמאָלט האָט מען פֿון קיין *טעם־טעם* צווישן די סאַמע מאָדערנסטע „מעדיומס“ אויף דער ייִדישער גאַס נישט געוווּסט (אַזאַ זשורנאַל וואָס גייט אַרויס איינצײַטיק אי געדרוקטערהייט אי עלעקטראָניש אויפֿן אינטערנעט !) – ס’איז גאָר געווען אַזאַ פּרימיטיווע כּלי אויף צו שיקן קלאַנגיקע מעלדונגען איבער אַ דזשאָנגל – און דער סאַטעליט טעלסטאַר ווידער איז דעמאָלט נישט געווען אַזאַ קופּע אַלטאײַזן, ס’איז גאָר געווען דער סאַמע מאָדערנער קאָמוניקאַציע־מיטל וואָס מע האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן !

נו, איז דאָרטן אויך געווען אַ קאַפּיטל וועגן טאַבו אין דער שפּראַך – און דאָרטן האָב איך געזען צום ערשטן מאָל די צוויי בײַשפּילן, „שיינדל“ און „האָניק־לעקער“.

מ. ווײַנרײַך דערקלערט אין דעם דערמאָנטן קאַפּיטל, צווישן אַנדערע, דעם באַקאַנטסטן בײַשפּיל פֿון אייפֿעמיזם אין דער ייִדישער שפּראַך : דער ליטווישער „ווּ פֿרייט איר זיך ?“ דהײַנו[8]. – אין צפֿון, אין ליטע, ווו „ווינען“ קלינגט ווי „וויינען“, – אַז מע באַקענט זיך שוין מיט מענטשן – דאַרף מען אַזאַ מיטל אויף נישט צו פֿרעגן בײַ יענעם ווו ער „וויינט“...

לאָמיר האָפֿן אַז דער שפּראַך־קוריאָז וועט בלײַבן אַ באַליבטער בײַשפּיל לדורות[9] צווישן ייִדיש־לערנערס – אָבער טאָמער וואָס, איז אפֿשר געווען כּדאַי אים דאָ איבערצוחזרן – מע זאָל קענען פֿאַרשטיין דעם ביטערן טעם פֿון אַזאַ פֿאַרקערטן באַנוץ ווי עס האָט אים אַנטפּלעקט אַבֿרהם סוצקעווער אין זײַן *געהיימשטאָט*[10] – אַן אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע וועגן די איבערלעבונגען פֿון „אַ פֿאָלק זאַלבע צענט“[11] אין די קאַנאַלן פֿון ווילנער געטאָ – געשריבן אין געטאָקטע[12] 10שורהדיקע סטראָפֿעס (מיטן גראַמען־שליסל[13] : אבאבגדגדהה – בלויז ווײַבלעכע גראַמען !). די סטראָפֿע וואָס איך מיין געפֿינט זיך אין צווייטן קאַפּיטל (וועגן דער „ווינגרי“ – אַ ווילנער גאַס – קען מען זיך דערוויסן מער פֿון דער פֿריִערדיקער סטראָפֿע) :

*אין רער[14] ווּ די ווינגרישע קוואַלן פֿאַרזאַמלען*
*זיך אַלע צוזאַמען און ציִען זיך שפּעטער,*
*פֿאַרצווײַגט[15] אונטער דר’ערד, מיט אַ סטרוניקן שטאַמלען[16], –*
*אָט דאָרטן אין רער פֿון אַ דרײַ פֿערטל מעטער*
*בײַם קרייצוועג – איז אויסגעהאַקט ווי אַ לבֿנה*
*אַ לאָך אין טשוגונענעם באַלקן[17]. דורך דאַנען*
*אַרײַנקריכן קענסטו אָן מינדסטער סכּנה*
*אין ערדענעם אויסגראָב און אויסגעגלײַכט שפּאַנען.*
*דאָס איז אונדזער אייגן געבויטע מאַלינע[18],*
*מיר „פֿרייען“ זיך דאָ אונטער פֿליגל פֿון שכינה[19].*

... נישטאָ קיין פֿאַקט פֿון דער שפּראַך, נישטאָ קיין גזירה[20] פֿון מענטשן, זיי מעגן זײַן ווי פּרימיטיוו, דער פּאָעט זאָל נישט זײַן מסוגל[21] צו געפֿינען אין זיי אַ קערנדל גינגאָלד, אַפֿילו ער זאָל נאָך אים דאַרפֿן גראָבן נײַן איילן אין דער ערד. □



ביכער וואָס ווערן דאָ דערמאָנט :

מ. ווײַנרײַך : געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פֿאַקטן, באַגריפֿן, מעטאָדן. ניו־יאָרק 1973 (דאָ פּאַר’ 44.2, באַנד 1, ז’ 199).

אַ. סוצקעווער : געהיימשטאָט. תּל־אָבֿיבֿ 1948 (דאָ ז’ 15). [איבערגעדרוקט אין : פּאָעטישע ווערק. תּל־אָבֿיבֿ 1963, באַנד 1, ז’ 441־537 (דאָ ז’ 448) – און אין : לידער פֿון ים־המוות, פֿון ווילנער געטאָ, וואַלד און וואַנדער. תּל־אָבֿיבֿ 1968, ז’ 197־293 (דאָ ז’ 204)]

F. Folsom : Du tam-tam à Telstar. L'aventure du langage. Tournai-Paris 1965. [The language book; אַדאַפּטירט אויף פֿראַנצייזיש פֿון P. Virey]

1. ... BIKhLAL ... BIFRAT ... en général ... en particulier/... in general ... in particular ; 2. monde conceptuel/conceptual world ; 3. craint/is afraid ; 4. ... MERAMEZ fait allusion à/alludes to ; 5. OVES AVOYSIM ancêtres/forefathers ; 6. VEHORAYE et en voici la preuve/and this is the proof ; 7. belette/weasel ; 8. DEHAYNE דאָס הייסט ; 9. LEDOYRES pour toujours/for ages ; 10. ville secrète/secret city ; 11. אַ גרופּע פֿון צען ייִדן 12. bien tournés, ciselés/well turned ; 13. agencement de rimes/rhyme scheme ; 14. égouts/sewer ; 15. ramifié/branched out ; 16. balbutiements de cordes (de violon)/stringlike (reverberating) stammering ; 17. plafond en fonte/cast iron ceiling ; 18. אַ באַהעלטעניש, בפֿרט אין די געטאָס ; 19. ... ShKhINE sous les ailes de la présence divine/under the wings of the Divine Presence ; 20. GZEYRE décret néfaste, persécution/evil decree, persecution ; 21. ... MESUGL être capable de/be able to.

## טעאַטער

# אַ שפּאַציר אין גן־עדן[1]

**לעצטנס איז געעפֿנט געוואָרן אין אַ באַשיידענעם[2] נאָר חנעוודיקן[3] טעאַטער־זאַל פֿון שטראַסבורג, „לאַ שוקרוטערי“[4], אַ קליין פֿענצטערל סײַ צו די הימלישע וועלטן, סײַ צו דער ייִדישער ליטעראַטור...**

דער שטראַסבורגער לופֿט־טעאַטער[5] האָט, נאָך לאַנגע און ערנסטע צוגרייטונגען, געשטעלט זייער אַ געראָטענע[6] אינסצעניזירונג פֿון איציק מאַנגערס *בוך פֿון גן־עדן*[7]. ווי דער אַפֿיש אַליין דערקלערט עס, איז דאָס אַ שפּיל פֿאַר אַקטיאָרן, מאַריאָנעטן און זייערע שאָטנס. אויפֿן אינהאַלט פֿון דער שפּיל זענען מרמז[8] די צוויי אַרויפֿקוקנדיקע מלאָכימלעך[9] פֿונעם קינסטלער ראַפֿאַעלס באַרימט געמעל[10]: דאָ טראָגן זיי לאַנגע געקרײַזלטע פּאות[11] און שוואַרצע יאַרמלקעס[12]!



די טרופּע (בסך־הכּל[13] דרײַ פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און צוויי קינדער) באַווײַזט, אַ דאַנק קונציקע אַליין אויסגעאַרבעטע מאַריאָנעטן און דורך גאָר אײַנפֿאַלערישע[14] באַלײַכטונג־פֿאָרטלען[15], אונדז אַרומצופֿירן צווישן ערד און הימל אויף די שפּורן פֿונעם דערציילער – שמואל־אַבא[16], דער געוועזענער מלאך[17], וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט[18] און ער האָט נישט פֿאַרגעסן, בײַם געבוירן ווערן ווי אַ ייִדיש ייִנגל, נישט די תּורה וואָס ער האָט אַ מאָל געלערנט און נישט זײַנע אַוואַנטורעס בײַ די הייליקע אָבֿות[19], זײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט שלמה המלך[20], זײַן יאָגן זיך נאָכן שור־הבר[21] אַזש ביז אין גויִישן גן־עדן אַרײַן...

פֿאַרשטייט זיך אַז די פֿאָרשטעלונג גייט מערסטן טייל אויף פֿראַנצייזיש, אָבער עס ווערן אין איר אַרײַנגעפֿלאָכטן[22] נישט ווייניק זאַצן, און אַ מאָל גאַנצע לידער, אויף ייִדיש. מע וואָלט אפֿשר געקענט אָפּפֿרעגן[23] דעם אופֿן[24] ווי דאָס ווערט געטאָן, ווי אויך אַנדערע קלענערע פּרטים[25] פֿון דער שפּיל, נאָר אירע מעלות[26] וועגן איבער[27] יעדע קריטיק. דער עולם האָט זיך טאַקע נישט געלאָזט שטאַרק בעטן אויף צו פּאַטשן בראַוואָ יעדן אָוונט מיט פֿרישן ענטוזיאַזם.

דער לופֿט־טעאַטער וואַרט איצט, שוין נאָכן לעצטן אַרויסטריט אין דער שוקרוטערי, אַז אַן אַנדער זאַל זאָל אויפֿנעמען די פּיעסע. לאָמיר האָפֿן אַז דער ווונטש וועט מקוים[28] ווערן בקרובֿ[29], לכל־הפּחות[30] איידער מיר וועלן אַליין קריגן צו פֿאָרציעס שור־הבר...

1. GAN-EYDN paradis/paradise ; 2. modeste/modest ; 3. KHEYNEVDIK charmant/charming ; 4. “La Choucrouterie” ; 5. “LufTeater”; 6. réussi/successful, very good ; 7. אַ שיינע פֿאַנטאַזיע וועגן אַ קליין ייִנגל וואָס דערמאָנט זיך זײַן לעבן אין גן־עדן איידער ער איז געבוירן געוואָרן. ; 8. ... MERAMEZ suggéré par/suggested by ; 9. MALOKHIMLEKH angelots/cherubs ; 10. בילד ; 11. PEYES papillottes/side curls ; 12. kippas ; 13. BESEKHAKL en tout/in all ; 14. astucieux/clever ; 15. effets d’éclairage/lighting tricks ; 16. SHMUEL-ABE ; 17. MALEKH ange/angel ; 18. qui a eu de la chance/was lucky enough ; 19. OVES patriarches/patriarchs ; 20. SHLOYME-HAMEYLEKH Roi Salomon/King Solomon ; 21. SHORABOR le taureau légendaire que les Justes mangeront aux temps messianiques/the legendary wild ox that the righteous will eat when the Messiah comes ; 22. introduits/woven in ; 23. remettre en question/argue with ; 24. OYFN façon/way ; 25. PROTIM *sing.* PRAT détails ; 26. MAYLES qualités/merits ; 27. איבערוועגן l'emporter sur/outweigh ; 28. MEKUYEM ... se réaliser/come true ; 29. BEKOREV bientôt/soon ; 30. LEKHOLAPOKHES au moins/at least.



## אַרום אַ וואָרט

אַלע קענען דאָס וואָרט **חי**[1]. מענטשן זאָגן אַ מאָל אַז ס'איז אַ „סימבאָל פֿונעם **לעבן**“ און טראָגן עס אַרום האַלדז ווי אַ „מזל־צירינגל“[2]. אויף העברעיִש מיינט עס טאַקע „לעבעדיק“. זײַן צאָל אין גימטריא[3] איז 18 (ח=8, י=10) און דערפֿאַר איז דאָ אַ פֿאַרשפּרייטע[4] מיינונג אַז 18 איז אַ מזלדיקער נומער. אויף ייִדיש ניצט מען דאָס וואָרט גאָר זעלטן. פֿונעם שורש[5] **חי** אָבער שטאַמען אַ סך אַנדערע ווערטער. צום בײַשפּיל, אַ פֿרוי קען הייסן **חיה**[6] און אַ מאַן **חיים**[7]. **חיונה**[8], אויסהאַלטן דאָס **לעבן**[9], איז אַ סינאָנים פֿון פּרנסה[10]. אַ **חיה** איז אַ פֿיר־פֿיסיק באַשעפֿעניש[11], וואָס מע טאָר אים ניט שלעכטס טאָן, לויטן פּרינציפּ פֿון **צער־בעלי־חיים**[12], דאָס הייסט, רחמנות[13] אויף אַלץ וואָס **לעבט**. אָבער ווען אַ ייִדישע מאַמע רופֿט איר קינד אַ **ווילדע חיה** איז עס גאָר אַן אַנדער מעשׂה, דאָס קינד מעג טאַקע ציטערן[14], **חיות** ניט זיכער[15] ! ווען מע זאָגט אַז עפּעס איז אַ **מחיה**[16] מיינט מען אַז ס'איז אַ פֿאַרגעניגן. נאָר אות בײַ אות[17] איז דער באַטײַט פֿונעם וואָרט „עפּעס וואָס מאַכט **לעבעדיק**“. איין לעצט וואָרט וואָס קען קומען צו ניץ[18] אין דער דאָזיקער צײַט פֿונעם יאָר : **לחיים**[19], צום **לעבן**. אַלע ווייסן אַז מע זאָגט **לחיים** ווען מע גייט טרינקען אַ גלאָז משקה[20], און אַזוי אַרום איז **מאַכן אַ לחיים** געוואָרן אַ סינאָנים פֿון אויסטרינקען אַ גלעזל. **חי־געלעבט**[21] !

# חי

1. KHAY ; 2. MAZL ... porte bonheur/ lucky charm ; 3. GIMATRIE סיסטעם פֿון אויסרעכענען די נומערישע ווערט פֿון ווערטער. אויב איר ווילט וויסן מער וועגן גימטריא זעט אַרטיקל אויף זײַט 1. ; 4. répandu/widespread ; 5. SHOYRESH racine/root ; 6. KHAYE ; 7. KHAIM ; 8. KHAYUNE gagne-pain/livelihood ; 9. gagner sa vie/earn a living ; 10. PARNOSE ; 11. créature/creature ; 12. TSAR-BALEKHAIM ; 13. RAKHMONES pitié/pity ; 14. trembler/tremble ; 15. KHIES ... *expression*: ta vie est en danger/you’re risking your life ; 16. MEKHAYE ; 17. OS ... littéralement/literally ; 18. être utile/come in handy ; 19. LEKHAIM ; 20. MASHKE boisson alcoolisée/alcoholic beverage ; 21. זאָל זײַן פֿריילעך !

# יִידישער פָֿאָרש־סעמינאַר[1] אין ישׂראל

**דעם זומער האָט אויפֿגעהויבן דעם פָֿאָרהאַנג[2] אַ פֿרישער יִידיש־פּראָיעקט : פֿונעם 20סטן יוני ביזן 2טן יולי 1999 איז פֿאָרגעקומען אין תּל־אָבֿיבֿ און אין ירושלים דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָרש־סעמינאַר פֿאַר יִידישער קולטור“.**

אָרגאַניזירט איז דער סעמינאַר געוואָרן דורכן ניו־יאָרקער ייִוואָ[3], בשותּפֿות[4] מיטן יִידישן אָפּטייל בײַם ירושלימער אוניווערסיטעט און מיטן בית־שלום־עליכם[5] אין תּל־אָבֿיבֿ.

דער יונגער דור יִידישיסטן האָט אַ פּנים[6] לאַנג שוין געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט – אַפֿילו די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך נישט געהאַט געריכט אויף אַזאַ אָפּקלאַנג פֿון זייערע אַנאָנסן. צום סוף האָט מען נישט געקאַרגט[7] און פֿאַרבעטן 30 יונגע אַוואַנסירטע גראַדויִר־סטודענטן פֿון 9 לענדער קיין ארץ־ישׂראל. געקומען זענען זיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿון אונגערן[8], איטאַליע, דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, עסטרײַך, ישׂראל, רוסלאַנד און פֿראַנקרײַך כּדי אָפּצוגעבן דער יִידישער קולטור צוויי וואָכן פֿון אינטענסיווע שטודיעס. יעדער איינער פֿון זיי איז געקומען מיט זײַן פֿאָרש־פּראָיעקט אין פּעקל. דאָס איז אויך געווען איינער פֿון די הויפּטצילן, צו באַקענען די יונגעלײַט צווישן זיך, זיי צו געבן די געלעגנהייט צו שמועסן און דיסקוטירן אין און וועגן יִידיש.



**„דאָס קומענדיקע יאָר אין ירושלים“**

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז אויך די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן לאַנג שוין געהאַט געוואַרט אויף דער שעה צו ווײַזן די אינטערעסאַנטסטע אַקטיוויטעטן אין תּחום[9] פֿון יִידיש במדינת־ישׂראל[10] – און פֿאַראַן אַ סך ! די טעג זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט לעקציעס (אויף יִידיש, פֿאַרשטייט זיך) אַרום דער יִידישער קולטור : דוד פֿישמאַן (יִידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, ייִוואָ) האָט גערעדט וועגן דעם אויפֿקום[11] און דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער יִידישער קולטור אין מיזרח־אייראָפּע און זיך אָפּגעשטעלט[12] אויף דער יִידישער פּרעסע. חנה נאָריך (מישיגאַן אוניווערסיטעט) האָט אָנגעפֿירט מיט אַ סעמינאַר „די יִידישע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן“. אַ גאַנצע וועלט פֿון יִידישע אַרכיוון, ביבליאָגראַפֿיעס און קאָמפּיוטער־אינדעקסן האָט פֿאָרגעשטעלט אַבֿרהם נאָווערשטערן (העברעיִשער אוניווערסיטעט, בית־שלום־עליכם). צוויי נאָכמיטיקן אין תּל־אָבֿיבֿ האָט מען געווידמעט דעם מולטי־מעדיאַלן ווידעאָ־פּראָיעקט „יִידיש : דאָס קול און דאָס בילד“, אָנגעפֿירט פֿון דבֿורה קאָסמאַן.

כּמעט יעדן אָוונט האָט דער עולם יונגעלײַט געקאָנט געניסן פֿון יִידישער קולטור : ס׳זענען פֿאָרגעקומען קאָנצערטן, פּיעסעס, טרעפֿונגען מיט יִידישע שרײַבער און קינסטלער, אַ וויזיט אינעם פּרץ־פֿאַרלאַג[13]. לייבל רויטמאַן (בית־שלום־עליכם) האָט געפֿירט אַ ליטעראַרישן טור איבער תּל־אָבֿיבֿ, מיט אַ וויזיט אין ביאַליק־הויז.

אין ירושלים זענען די קורסן פֿאָרגעקומען אויפֿן העברעיִשן אוניווערסיטעט. חווה טורניאַנסקי האָט דאָרטן געלערנט וועגן דער עלטערער יִידישער ליטעראַטור, פֿון די עלטסטע טעקסטן ביז די זכרונות פֿון גליקל האַמעל. וועגן יִידישער קולטור אין צווישן־מלחמהדיקן פּוילן האָט רעפֿערירט שמואל קאַסאָוו (טריניטי קאָלעדזש) און וועגן יִידישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[14] – מרדכי אַלטשולער. צו דער אַקאַדעמישער פּראָגראַם איז אויך געווען צוגעקניפּט[15] אַ וויזיט אין גבֿעת רם[16], ווו חווה טורניאַנסקי און יאָסל בירשטיין האָבן געוויזן די אוצרות פֿון ביבליאָטעק און דערציילט וועגן אירע אַרכיוון. ווערא סאָלאָמאָן (העבר׳ אוניווערסיטעט) האָט פֿאָרגעשטעלט דעם פּראָיעקט „אינדעקס צו דער יִידישער פּעריאָדיק“ און מען האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך גלײַך אַוועקצוזעצן בײַם קאָמפּיוטער אויף אייגענע פֿאָרשונגען.

איין אָוונט איז מען געווען בײַ דער יִידישער קולטור־געזעלשאַפֿט, איין מאָל האָט מען געהערט יאָסל בירשטיינען לייענענדיק פֿון זײַנע זכרונות און בײַם סוף האָט וויקי אַס (העבר׳ אוניווערסיטעט) געפֿירט אַ יִידישן טור אַרום ירושלים.

***חנה קלײַנע (טרירער אוניווערסיטעט)***

1. Séminaire de recherche yiddish/Yiddish Research Seminar : 2. le rideau s’est levé/the curtain went up on ; 3. YIVO יִידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט ; 4. BESHUTFES conjointement/jointly ; 5. BEYS SHOLEM ALEYKHEM Maison Sholem Aleichem/Sholem Aleichem House ; 6. APONEM apparamment/apparently ; 7. n’a pas lésiné/gave unsparingly ; 8. Hongrie/Hungary ; 9. TKHUM domaine/field ; 10. BEMEDINES YISROEL dans l’Etat d’Israël/in the State of Israel ; 11. émergeance/rise ; 12. s'est arrêté sur/spoke in particular on ; 13. PERETS-... la plus importante maison d'édition yiddish en Israël/largest Yiddish publishing house in Israel ; 14. Union Soviétique/Soviet Union ; 15. ajouté, attaché/added to, connected with ; 16. GIVAT RAM נײַער בנין פֿונעם אוניווערסיטעט ווו עס געפֿינט זיך די גרויסע ביבליאָטעק .

**מעדעם־ביבליאָטעק**
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
e-mail : medem@club-internet.fr

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tel./fax : 01 42 71 30 07

